ראש השנה
שנת תשע"ב
שנה ד' - גליון קכ"ח
תחל שנה וברכותיה
א גוט געבענטשט יאהר

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן וועקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

הדלקת הנרות ערב יו"ט:
6:28
הדלקת הנרות ערב שב"ק:
6:25
זמן מוצאי שב"ק: 7:51
עירוב תבשילין

## וויכטיגע מעלדונג

### לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו !

מיר ווילן אייך פארשטענדיגן אז **דער "גורל"** צו וועם אייער קינד וועט בשעטומ"צ אריבער גיין אין **"כתה א' "** וועט אי"ה פארקומען **קומענדיגע וואך דינסטאג** ג' עשי"ת תשע"ב (ווי אלע טאטעס וועלן זיך קענען באטייליגן),

**אין בנין פון די תלמוד תורה אויף ווייט עוו.**
**אינעם עס-זאל פון כיתות א' ב' ג'**
**אום 7:45 פונקטליך אי"ה.** (ארייגאנג ווייט עוו.)

דער סדר הגורל וועט זיין ווי פאלגענד, עס וועלן ארויסגעצויגן ווערן צעטליך מיט נעמען פון קינדער, און נאכדעם וועט ארויסגעצויגן ווערן דער נאמען פון דעם מלמד ביי וועם די קינדער וועלן לערנען א.א.וו. און מיר האפן אז חפץ ה' בידינו יצליח.

נ.ב. "אין דעם גורל וועלן אריין גיין נאר די קינדער וואס זענען שוין רעגיסטרירט אין אפיס פון די ישיבה".

א כתיבה וחתימה טובה וגמר חתימה טובה
און א גוט געבענטשט יאר

## ריינדעכיגע חלות לכבוד יום טוב!







**קינדערגארטן – פרי קינדערגארטן:** א שמחה האט אונז ארום גענומען ווען מיר הערן ווי דער מנהל רופט אויס אז מיר וועלן אליין באקן ריינדעכיגע חלות לכבוד יו"ט. אונטן אין דעם גרויסן לאנטש רום האט מען ביי די טישן געארבייט מיט א פלייסיגקייט. דער געטרייער איבער געגעבענער קעכער ר' **הערשל קלעפנער ני"ו** האט פארקנעטן דעם טייג. כיתה נאך כיתה זענען מיר אראפ געקומען צו די ארבייט צו באקן חלות לכבוד יו"ט מיין רבי' רופט אויס אלע קינדער זאלן קודם גוט אפוואשן די הענט ווייל די טייג זאל זיין ריין, דערנאך שטעלט מען זיך צו צום טיש די רבי טיילט אויס פאר יעדן א שטיקל טייג. אלע קינדער זאגן הויעך: לכבוד יו"ט און מען דרייט מיטן טייג ביז עס ווערט אזא הערליכע רינדיכיגע בילקעלע לכבוד ראש השנה מען לייגט דאס אריין אין גרויסע בעקענס מען באשמירט דאס מיט אייער און ארויף אויפן וואגן. אזוי האט מען דאס געטראגן צו די אויוועניס פון "מנוחה ושמחה" ווי עס האט זיך אפגעבאקן לכבוד יום טוב. **חלה איז גענומען געווארן, - די אויוועניס זענען פארעווע.**

## א ספעציעלע ראש השנה פעקל

**קינדערגארטן- פרי קינדערגארטן:** היינטיגן דינסטאג זענען מיר געווען זייער פארנומען מען פאקט איין א פעקל לכבוד ראש השנה. אלע קינדער אליין, פאקן אזוי שיין, א בילקעלע, א עפל'ע, א האניג, מיט האניג קוקי'ס, אויך פון א טעללער א קאפ פון א פיש (נאר ק"ג), מיר קענען שוין קוים ווארטן ווען מיר וועלן דאס עפענען יו"ט ביינאכט און מקיים זיין די מנהגים פון אידישע קינדער און זיך אויסבעטן א זיסע לעכטיגע יאר.

## די קאפ פון א פיש ביי אונז אין חדר

**פון רובינ'ס פיש סטאר** האט דער מנהל געברענגט צו ווייזן פאר אלע קינדער א "קאפ פון א פיש" דאס איז געווען א גרויסע קאפ ווי אלע קינדער האבן דאס געקענט זעהן פון די נאנט מיר האבן געזעהן די אויגן, די מויל, די ציינער, אפילו ווי די מויל עפנט זיך. מיר זענען טאקע זייער דאנקבאר פאר הרבני החשוב ר' **יקותיאל אהרן רובין ני"ו** פארן צושטעלן אזא שיינעם קאפ פון א פיש צו ווייזן פאר אלע קינדער שיחיו.

## א ספעציעלן דאנק

פאר די קעכער און מענדזשער פון די "**מנוחה ושמחה**" זאלן. ה"ה האברך היקר ר' **אהרן שפילמאן ני"ו** ואתו עמו האברך היקר ר' **אליעזר זאפיר ני"ו** פארן זיך אפגעבן און צו ערמעגליכן פאר די קינדערגארטן אפצובאקן די רינדיכיגע חלות לכבוד יו"ט פיין

און פריש. השי"ת זאל אייך פארשרייבן בספרן של צדיקים , א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר אסאך נחת געזונטערהייט.

ווי אויך א הערצליכן דאנק פאר אונזער געטרייער איבער געגעבענע מענעדזשער האברך היקר ר' יואל שפילמאן ני"ו פארן ארויס העלפן מיט אלע זאכן א גאנץ יאר אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב סיי ווען און סיי וואס השי"ת זאל אייך פארשרייבן בספרן של צדיקים , א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר אסאך נחת געזונטערהייט.

**נ.ב. צום גדלי' וועט אנהייבן אזוי ווי א יעדן זונטאג, און מען וועט ענדיגן א שעה שפעטער ווי א יעדן טאג**

# חכמה'לעך

מרדכי זאגט אז זיין רבי האט געזאגט אז נאר די טאטעס גייען צו סליחות אבער ער האט נישט פארשטאנען פארוואס ביי די בוק וואס מען האט געקאלערט זעהט מען יא אז אינגלעך גייען מיט די טאטעס צו סליחות... ער זאגט ס'איז נישט גוט די בוק...

יודי האפפמאן ביים זאגן די א"ב ביי זיין אפשערן ווען זיין רבי האט אים געפרעגט אויף וועלכע א"ב מען לייגט די האניג האט ער געזאגט מען לייגט עס אויף די עפל נישט אויף די א"ב...

חיים האט געפרעגט שבת ווען מען האט געגעסן די פיש אויב ראש השנה גייט מען עסן "די פיש פון די קאפ" ער האט געוויזן אויף זיין קאפ-גלעיזל וואס ער האט געטרינקען.

ווען שמעון זעהט א גוי זאגט ער א נעבעך ער האט נישט קיין תורה, ווען ער האט געהערט א גוי'אישע מוזיק פון א קאר האט ער געזאגט: מאמי! אמת דעס איז א נעבעך מוזיק...

## מזל טוב וואונטש

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה דוד ב"ר וואלף יאקאבאוויטש ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמואל נתן ב"ר ישראל משה בערקאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' ירמי' לעווי און ר' וואלף בער שווארץ**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יוסף מאיר ב"ר יואל טעללער ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל און ר' שמואל ברוך קאהן**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה ב"ר יואל מערץ ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' ברוך הורוויץ און ר' יואל לעבאוויטש**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה נתן ב"ר בעריש סאנדער ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' יעקב מאיר סרוגא און ר' סנדר מיללער**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ברוך אברהם ב"ר חיים הערש וועכטער ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' יואל כ"ץ און ר' יואל הערש שפיצער**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק יודא ב"ר יואל פאלאטשעק ני"ו**
לכבוד זיין מומע איז געווארן כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' יואל יצחק ראטה**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**בנימין ב"ר אברהם ישעי' שווארטץ ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' משה נח גאלדשטיין און ר' ישראל יוסף פרענקל**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מאיר ב"ר יוסף מיטטעלמאן ני"ו**
לכבוד זיין ברודער איז געווארן א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יהודא ב"ר שלמה האפפמאן ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' יואל כ"ץ און ר' יואל הערש שפיצער**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם יצחק ב"ר יעקב מארקאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' בנימין כהן און ר' ירמי' לעווי**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה זלמן ב"ר מאיר יודא אייזענבאך ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
**ביי ר' בנימין כהן און ר' ירמי' לעווי**

### ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער סגן מנהל

## הרה"ח רבי אליעזר צבי הכהן כ"ץ שליט"א

**לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל**
ביי זיין זון האברך המפואר ברא כרעא דאבוה

## הרה"ח רבי משה הכהן כ"ץ שליט"א

מרביץ תורה לעדרים במוסדותינו הק' בקרית יואל יצ"ו
**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**
דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און טעראפיסטן**

### ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד

## הרה"ח ר' אברהם הלוי בערגער שליט"א

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו בהכנס בנו

## הבחור המצויין כמר דוד ני"ו

לעול התורה והמצוות למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**